

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק' ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

פרשת ראה תשפ"ג | גליון עז

הדפסת והפצת גליון השבוע מוקדש ע"י החפץ בעילום שמו
לעי"נ כ"ק הגה"ק אדמו"ר מסאטמאר רבינו יואל בן רבינו חנני' יום טוב זי"ע נלב"ע כ"ו אב תשל"ט

## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

### א איד וואס פירט זיך מיט רחמנות איז דאס מעורר אויף אים מידת הרחמים

**וְנָתַן לְךָ רַחֲמִים וְרִחַמְךָ וְהִרְבֶּךָ** (יג, יח). די תורה רעדט פון אן "עיר הנידחת" - א שטאט וואס רוב אידן זענען ר"ל נאכגעשלעפט געווארן נאך עבודה זרה, הייסט די תורה אויס'הרג'ענען די גאנצע שטאט, אפילו די בהמות, און מ'טאר עס נישט צוריק אויפבויען. ענדיגט צו דער פסוק, אז דורכדעם וועט אוועקגיין די חרון אף פונעם אויבערשטן, **און ער וועט דיר געבן רחמים.**

איז דער רבי מסביר, אז וועגן דעם שטייט דא א הבטחה פון **"ונתן לך רחמים"**, ווייל דער טבע פון א מענטש איז אז ווען ער טוט א מעשה אכזריות ענטוויקלט דאס ביי אים א מידת אכזריות און ער רייסט אויס פון זיך די נאטורליכע געפיל פון רחמנות. אזוי ווי מ'זעט במציאות אז די וואס זענען ממונה צו הרג'ענען די טויט פאראורטיילטע דורך די מלוכה באקומען א תאוה און א חשק צו רציחה, און זיי שפירן נישט קיין ברעקל רחמנות.

וזה לשון קדשו פון רבינו: **"כְּמוֹ שֶׁסִּפְּרוּ לָנוּ הַיִּשְׁמְעֵאלִים כַּת הָרוֹצְחִים בְּמַאֲמַר הַמֶּלֶךְ, כִּי יֵשׁ לָהֶם חֵשֶׁק גָּדוֹל בְּשָׁעָה שֶׁהוֹרְגִים אָדָם וְנִכְרְתָה מֵהֶם שֹׁרֶשׁ הָרַחֲמִים וְהָיוּ לְאַכְזָר..."** איז וויבאלד די תורה הייסט דא אויס'הרג'ענען א גאנצע שטאט, מוז קומען נאכדעם א הבטחה אז מ'וועט נישט ווערן געצויגן צוליב דעם צו מידת אכזריות. נאר פונקט פארקערט, אז מ'וועט עס טון לשם שמים - אויסצורייניגן די עובדי עבודה זרה פון כלל ישראל - וועט דער אויבערשטער דער "מקור הרחמים" משפיע זיין א נייע מידת רחמנות מבטל צו זיין די כח האכזריות וואס איז נולד געווארן ביי זיי צוליב דעם.

לכאורה, וויאזוי באקומט מען א ברכה אויף **רחמנות** קעגן א מעשה **אכזריות**? נאר דער הסבר איז, ווייל אויס'הרג'ענען אן "עיר הנידחת" איז בעצם נישט קיין מעשה אכזריות, ווייל קיינער מיינט נישט נקמה צו נעמען אין יענעם ווייל ער וויל יענעם סתם אזוי אומברענגען אדער וויי טון, דאס איז נאר לצורך קיום מצוות ה' - אז כלל ישראל זאל ח"ו נישט פארקריכן פונעם אויבערשטן. איז אפילו מ'נוצט בפועל א שלעכטע מידה - קען דאס נישט משפיע זיין שלעכט אויפן טבע האדם.

זעט מען דא א מורא'דיגע זאך, אז אפילו דער וואס הרג'עט אן "עיר הנידחת" טוט א מצוה און ער איז גורם מיט דעם אז דער אויבערשטער זאל אוועקנעמען זיין חרון אף פון כלל ישראל, טוט ער דאך לכאורה די בעסטע זאך וואס קען זיין, אפילו אזוי קען דאס האבן א שלעכטע ווירקונג אויף אים און דאס קען איינפלאנצן אין זיין הארץ מידת אכזריות, וואס וועגן דעם מוז די תורה ספעציעל געבן א הבטחה אז: ניין! דער אויבערשטער וועט דיר געבן "רחמים" אז דאס זאל נישט משפיע זיין אויף דיר שלעכטע מידות.

און דער רבי פירט אויס, אז וועגן דעם שטייט אין פסוק א דאפלטע לשון **"ונתן לך רחמים - ורחמך"**, ווייל נאר א מענטש וואס איז א "רחמן" - קען דער אויבערשטער רחמנות האבן אויף אים, און ווילאנג ער איז נישט קיין רחמן קען דער אויבערשטער נישט רחמנות האבן אויף אים. וועגן דעם שטייט קודם **"ונתן לך רחמים"** אז דער אויבערשטער וועט דיר געבן מידת רחמנות, און נאר נאכדעם **"ורחמך"** וועט ער רחמנות האבן אויף דיר. אזוי ווי די גמרא זאגט: "כל המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים".

איז וויבאלד די וואס הרג'ענען אויס אן עיר הנידחת - אפילו זיי זענען געצווינגען דאס צו טון על פי צווי ה' - פארט איז דאס מעורר ביי זיי מידת אכזריות, קומט דאך אויס אז זיי וועלן מער נישט זיין ראוי צו באקומען רחמנות פון הימל, פארדעם דארף די תורה קומען זאגן אז דער אויבערשטער וועט זיי געבן "מידת הרחמים" ממילא וועלן זיי זיין ווערד אז דער אויבערשטער זאל זיך מרחם זיין אויף זיי.

## פניני חיים
פנינים מובחרים משובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

### קורצע שיינע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

#### בש"ם בצלאל
לעי"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה. אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ...** (יא, כו-כז)

די תורה איז מדגיש **"היום"** - אז מ'רעדט דא פון א זאך וואס זיי האבן הערשט היינט באקומען. דאס גייט ארויף אויף די לעצטע פסוקים סוף פרשת עקב: "**כָּל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר תִּדְרֹךְ כַּף רַגְלְכֶם בּוֹ לָכֶם יִהְיֶה... לֹא יִתְיַצֵּב אִישׁ בִּפְנֵיכֶם פַּחְדְּכֶם וּמוֹרַאֲכֶם יִתֵּן ה' אֱלֹקֵיכֶם עַל פְּנֵי כָּל הָאָרֶץ**", אז די אידן גייען באקומען ארץ ישראל, און אלע פעלקער גייען ציטערן פאר די אידן.

קומט דא די תורה זאגן, אז די הבטחה וואס זיי האבן יעצט באקומען קען זיין סיי א ברכה און סיי א קללה. **"את הברכה אשר תשמעו"** אויב די אידן וועלן צוהערן די געזעצן פונעם אויבערשטן וועט ירושת הארץ טאקע זיין א ברכה, און אלע גוים וועלן מורא האבן פאר די אידן. **"והקללה אם לא תשמעו"** אבער אויב די אידן וועלן זיך ח"ו נישט אויפפירן ערליך, דעמאלט וועט ירושת הארץ זיין א קללה, ווייל דאס וועט גורם זיין אז די גוים זאלן מקנא זיין און פארטרייבן די אידן פון ארץ ישראל מיט א נקמה גדולה ר"ל.

*

**שְׁמֹר וְשָׁמַעְתָּ אֵת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּךָּ לְמַעַן יִיטַב לְךָ וּלְבָנֶיךָ אַחֲרֶיךָ עַד עוֹלָם.** (יב, כח)

לכאורה וואלט ווען געדארפט שטיין **"שמע ושמרת"**, ווייל קודם דארף מען הערן און נאכדעם קען מען אפהיטן דאס וואס מ'האט געהערט? אויך איז שווער, וואס קומט **"את כל"** מרבה זיין?

נאר די תורה רעדט פון צוויי זאכן: **א.** די מצוות התורה וואס די אידן האבן שוין געהערט פון משה רבינו. **ב.** די גדרים וסייגים וואס חכמינו ז"ל האבן שפעטער גוזר געווען, להרחיק את האדם מן העבירה.

וועגן דעם שטייט קודם **"שמור"** דאס גייט ארויף אויף די **מצוות התורה** וואס די אידן האבן שוין געהערט פון משה רבינו, און נאכדעם שטייט **"ושמעת"** אז מ'דארף אויך הערן און מקיים זיין אלע **גזירות און הרחקות** וואס אונזערע הייליגע חכמים מאכן אין אלע דורות. דאס קומט **"את כל"** מרבה זיין, **"את"** קומט צולייגן די גדרים פון חז"ל, און **"כל"** קומט זאגן אז נאר אזוי וועסטו קענען מקיים זיין **בשלימות** אלע מצוות, ווייל נאר דורך די גדרים וסייגים איז מען פארזיכערט אז מ'וועט זיין אפגעהיטן און ריכטיג קענען מקיים זיין אלע מצוות בשלימות.

לייגט צו די תורה **"למען ייטב לך ולבניך אחריך"** ווייל די גדרים וסייגים וואס חז"ל האבן אונז געמאכט, דאס גיבט א קיום פאר די המשך הדורות פון כלל ישראל, אז מ'זאל זיין דערווייטערט מן הכיעור והדומה לו.

ברוב שמחה וצהלה נישא ונרים קולנו בברכת מזלא טבא לכבוד יו"ר מכון מורשת אור החיים הק'
מעוז ומגדול שמו מפארים עדת חבלו הדבוק בתורתו של רבינו אור החיים הק' בעוז ותעצומות נפש
הגאון הרב משה שוורץ שליט"א
ראש כולל 'כנסת ישראל', ר"מ ומשפיע בביהמ"ד 'קהל חסידים' פרדס-כץ ב"ב
בן הגאון הגדול רבי חיים יעקב שוורץ זצוק"ל דיין ורב דקה"ק צאנז נתניה ומרכז רפואי לניאדו
וחתן הגאון הגדול רבי חיים צבי שפירא שליט"א רב 'קהל חסידים' רמת-אהרן ב"ב וראב"ד מחזיקי הדת בעלזא
לרגל השמחה הגדולה במעונו באירוסי בתו הגדולה הכלה החשובה תחי'
עב"ג הבחור המופלג בתורה ויראה ידיו רב לו במכמני התורה ובקי בסדרי הש"ס
החתן החשוב מנחם מנדל בוים שליט"א
בן הרה"ג דוד בוים שליט"א
ראש כולל להוראה דחסידי מודז'יץ ביתר ומבחירי העורכים בהו"ל ספרי מורשת אור החיים הק'
בן הגאון הגדול רבי יחיאל בוים שליט"א וחתן הגאון הגדול רבי מרדכי ברנט שליט"א דייני ורבני קה"ק צאנז נתניה
יהא רעווא מן שמיא שיזכו לבנות בית נאמן בישראל דורות ישרים ומבורכים ולבנין עדי עד
ויזכו לרוות רוב תענוג ונחת דקדושה לתפארת בית אבות
המברכים, ערב שבת לסדר 'אנכי נותן לפניכם ברכה'
מערכת ההו"ל במורשת אור החיים ולומדי תורת האור החיים - קוראי הגליון

# לענין מה יכול אדם להתקרב אל השי"ת כמשה רבינו

**רְאֵה אָנֹכִי.** עוֹד יִרְצֶה בַּמַּאֲמַר רְאֵה אָנֹכִי, עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרָם ז"ל (רמב"ם הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה פ"ה ה"ב) יָכוֹל אָדָם לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּמֹשֶׁה רַבֵּנוּ, וְהוּא מַה שֶּׁהֱעִירָם כִּי אֵלָיו יִרְאוּ לְהִדָּמוֹת אֵלָיו, כָּל הַבָּא לִקְרֵב לַעֲבוֹדַת הַקֹּדֶשׁ עֲבוֹדַת ה', וְלֹא יַעֲרִיכוּ עַצְמָן עִם מַה שֶּׁלְּמַטָּה מֵהֶם וְיִהְיוּ בְּעֵינֵי עַצְמָן כִּי כַּבִּיר מָצְאָה יָדָם. (יא, כו)

הרי לנו מדברי רבינו שהבין בדברי הרמב"ם שכתב בכלליות 'כל אדם ואדם ראוי להיות צדיק כמשה רבינו', **שיכולים להגיע למעלת ודרגת משה רבינו.** וכן כתב בפרשת קדושים (יט, ב): כי אין שיעור להדרגות הקדושה המזומנות לכל הרוצה ליטול את השם, וצא ולמד ממדרגות הנביאים זו למעלה מזו, ומשה עולה על גביהן, ולזה אמר במצות קדושים תהיו 'דבר אל **כל** עדת בני ישראל' מפני שכולם ישנם בגדר מצוה זו, והוא מאמרם ז"ל **'יכול אדם לעשות עצמו כמשה רבינו'.**

ופלא גדול עד מאוד מה שמוסיף עוד שם: ואולי שיכול להיות **הדרגה גדולה ממשה**, והיא מדריגת מלכנו משיחנו המעוטר בעטרי עטרות, ע"כ. ובהגהות **'ברכת שמעון'** העיר מדברי הרמב"ם (פ"ט מהל' תשובה ה"ב) דמשיח צדקנו נביא גדול יהיה **קרוב** למשה רבינו, ומשמע דרק קרוב למשה רבינו אבל עדיין פחות ממנו, ונראה כסתירה לכאורה.

ויפה חילק **ביערות דבש** (ח"ב ריש דרוש ב') דזה ודאי ברור שאין גדול יותר ממשה רבינו בנבואה, וכד' הרמב"ם, ומה שאמרו במדרש (ילקו"ש ח"ב רמז תתקע"א) על הפסוק "הנה ישכיל עבדי ירום ונשא" (ישעיה נב, יג) 'ירום ממשה', היינו דוקא **בממשלה וגדולה** כי ישב על כסא ה', אבל לא **במעלה והשגת נבואה**, שבאלו לא יגיע שום אדם למשה אשר נחסר מעט מאלקים יעו"ש. ומעתה לפי חילוק זה י"ל גם בכוונת האוה"ח לדרגת ה'קדושה' ולא לדרגת ה'נבואה', ורק בזה יכול משיח צדקנו להיות גדול יותר.

וכן מובא בשער הגלגולים ל**האריז"ל** (הקדמה א') שכל אדם **יכול להיות כמשה רבינו** אם ירצה לזכך מעשיו, לפי שיכול לקחת לו רוח אחר עד רום היצירה. והנה לשון הספה"ק **תולדות יעקב יוסף** (פר' ויקהל אות ב): 'הבחירה חפשית ביד האדם לזכך חומרו, עד שיזכה למדריגת ומעלת משה רבינו עליו השלום'. וכן כתב בספה"ק **מאור ושמש** (פר' תרומה ד"ה ויובן): 'וכן תעשו, פירושו, ואתם תלמדו לעשות כמו כן, שתהיו מרכבה לשכינה, כי כל האדם יוכל לבוא להשגות משה רבינו'.

ולפי שיטה זו ביארו היטב בחילוק נוסף להנ"ל, בספה"ק **משנת חסידים** (מסכת השגת הנשמות פ"ג מ"ט) **ומאור עינים** (פר' קדושים) וכ"ה בספר **הברית** (ח"ב מאמר י"א פ"ה) דגזירת הכתוב (להלן לד, י) "ולא קם נביא עוד בישראל כמשה", היינו רק בנוגע למעלת וכח **הנבואה**, כמו שמפורש בכתוב זה, אבל לענין **צדקותו** ודאי יכול לקום צדיק כמשה רבינו, וכפשטות לשון הרמב"ם דנקט 'צדיק'.

## ודאי אפשר וצריך להיות 'עבד' הבורא כמשה ממש

אולם יש לציין מש"כ ב**קובץ הערות** להגה"צ ר"א וסרמן זצוק"ל (בדברי אגדה שבסוה"ס סימן ז אות ט) דהדבר פשוט מאד שא"א לשום אדם להגיע לצדקותו של משה רבינו. ומחדש בתוה"ד דכל כוונת דברי הרמב"ם במש"כ 'צדיק' היינו אך ורק כלפי מה שנקרא משה רבינו **עבד ה'**, וכביאור הרד"ק (יהושע א, א) דגדרו של 'עבד רוחני' מתבטא לפי מה שקבעו חז"ל בגשמי 'אין קנין לעבד בלא רבו' וי'ד עבד כיד רבו', וכזה היה משה רבינו שכל כוחו חושו ודעתו היו כולן קודש לה', ולא השתמש בהן לצורך אחר אלא בלתי לה' לבדו.

וכך כל אדם יכול להיות 'צדיק' בעבדות הבורא ב"ה לעובדו בכל לב ונפש לפי ערכו ולפי כוחותיו, ולהיות נקרא בתואר -עבד ה'- כמו משה רבינו, אבל זה פשוט שגם אם יתאמץ ביגיעה שאין לשער, ואפילו במשך אלפי אלפים שנה, **לא יגיע ולו עד קרסוליו של משה רבינו**, מפני שלא ניתנו לשום אדם כוחו ובינתו, ובאמת אין זה נדרש ממנו. וכלל אמרו חכמים 'אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין ליבו לשמים' כפי תכונותיו וכפי הנדרש ממנו. [וכמו שידוע כמה הפלגות באמירות הצדיקים שאמרו במשקל אלו הדברים, כהתוודות הרה"ק רבי זושא זי"ע].

[ברם רבינו עצמו בספר **ראשון לציון** (לספר יהושע) כתב: 'לא יהיה עבד ה' כמשה', ויש לדקדק מזה דס"ל דלא רק בנבואה לא יהיה עוד אדם כמשה, אלא אפילו בעבודת ה' לא יקום כמוהו. וכדבריו הללו מצינו בהקדמת ספר **כפתור ופרח** (לרבי אישתורי הפרחי): מיסודות האמונה להאמין בנבואת משה רבינו ושהוא היה אב וגדול מכל הנביאים לפניו ואחריו, **אין נבואה כנבואתו ואין שלימות במין האנושי כשלימותו.**

וע"ע מה שכתב בתחילת ספר ליקוטים יקרים מהרה"ק **המגיד ממעזריטש** זי"ע: כל אדם יוכל לבוא למדריגה של משה רבינו ע"ה בהזדככות, **ולא כמשה ממש**, אלא במדריגת משה, כי משה עלה אל ה' למעלה באצילות. אלא רצה לומר, למשל אם נשמתו מעשיה דעשיה וממלכות דעשיה שהיא מדריגה התחתונה, יכול לזכות כדי שיוכל לבוא למדריגת משה לאצילות דעשיה, וכן אם נשמתו מעולם אחר. וביארו בזה בספה"ק אור ישראל (סאדיגורא, אמור תרמ"ו), ובספר פרי העץ (פר' וזאת הברכה ד"ה מסורה)].

## ההוראה להתייגע ולהיות דומה למשה = כמשה

והנה לנו ראיה ברורה בהלכה, מהנפסק בשו"ע יור"ד הלכות כבוד רבו ות"ח (סו"ס רמ"ב): 'האומר לחבירו איני מקבל ממך **אם היית כמשה** מלקין אותו משום בזיון', ומציין הבית יוסף מה שמצינו בגמ' הלשון (חולין קכד, א) 'אילו אמרה יהושע בן נון משמיה לא צייתנא ליה', ולא אמרו אילו אמרה משה כיון שאי"ז במציאות כלל שיהי אדם כמשה משא"כ כיהושע אפשר שיהיה. וכתב הט"ז (סק"כ) שמדברי הב"י נראה שסובר שמלקין את האומר על הבזיון שהוא כלפי משה רבינו, כי ממה שהאדם אומר על פלוני 'היית כמשה' נשמע שמדמה שאפשר לו לאדם להיות נחשב כמו משה, והרי זה בלתי אפשרי ואינו נכון כלל אחר שהתורה אמרה **"ולא קם נביא עוד בישראל כמשה"** וגורם בזיון בכך.

ולפי שיטה זו צריך לומר, דמה שכתב הרמב"ם דראוי לכל אחד להיות כמשה - היינו דייקא 'כמשה' בכ"ף הדמיון, ר"ל שיהיה **קרוב למשה** ולא משה ממש [מדהול"ל לישנא אחרינא כגון להתעלות בצדקותו עד דרגת משה]. וסמך לדבר ממש"כ **הרמב"ם באיגרותיו** בתחילת 'פרקי ההצלחה' שכל אחד מבני העולם, אם רצה השלימות היה **קרוב** למשה רבינו.

ויבוא הכתוב השלישי לחזק הדברים שאכן כך כתב **הרמב"ם בשמונה פרקים** (פרק ז'), שכאשר ראו החכמים שמעלת הנביאים זה על זה היא בחכמה ובמדות, אמרו על קצתם במה שראו מחכמתם ומדותיהם 'ראויים הם שתשרה שכינה עליהם כמשה רבינו' (עי' סנהדרין יא, א; סוכה כח, א; בבא בתרא קלד, א), ולא יעלם ממך כ"ף הדמיון - שהם **דימו** אותו בו, **לא שישוו אליו** חלילה, עכ"ל.

## העניו מכל האדם לימד ודרש שילכו לאורו באורחות החיים

ולסיום, הנה יש כאן **תמיהה גדולה**, וכי יתכן שמשה רבינו שלא חס ולא דרש לכבוד עצמו כלל וכלל, וכעת התנשא בעצמו וביקש מעדת השם לאחוז במעשיו הטובים ולהיות כרוכים אחריו בכל משנת ודרכי החיים.

ודברים של טעם כתב הגה"צ גאב"ד מאקווא **העטרת משה** זצוק"ל לבאר היטב ונכון בשני אופנים שאין זה מנוגד וסותר ח"ו לגודל ענוותנותו של משה.

בראשונה מיישב על פי מה שכתב הב"ח **שבשעת הסתלקותם של צדיקים חרגו ושינו מהנהגתם והיו מפרסמים מגדלותם**, ללא שום הסתרה וכיסוי, וכדמצינו בבן זומא (ברכות יב, ב), והוא כעין מה שאמרו 'אין אדם משטה בשעת מיתתו' (ב"ב קעה, א). וכיון שכך אתי שפיר שהרי כל דבריו של משה בספר משנה תורה היו דברי תוכחה שאמרם סמוך לפטירתו, וכולם דברי פרידה מעדת מרעיתו, ומשו"ה הרהיב עוז לגלות טפח וטפחיים לתועלת הכלל. מה גם, שהכיר במעלותיו והחליט לעשות הכל בשביל להרבות ולהיטיב עם הבריות לכבוד השי"ת, ולמען ישמעו ויראו דרך החיים עלי אדמות.

ועוד זאת, כי אז כבר היו עדה שלימה בשלימות היותר גבוה ובשלום וריעות עם משה רבינו, והיו כולם כ"כ **מקושרים אליו עד שלא היה מקום ודרך להסתיר עצמו מהם**, וכבן המתחפש בגנזי אביו, שאין מציאות בשום דרך להיותו מוסתר מאביו היודעו ומכירו היטב בכל אופן, וממילא לא היה שום טעם והגיון להסתיר דרגותיו הנעלות,

ובעצם הפליאה כבר נאמר משמיה **דהרה"ק מבעלזא** זי"ע, שהרי כוונת משה בדבריו אלו היו אך ורק על **מעלות ומתנות שקיבל במתנת וחסד קל**, ואין כאן שום סרך של גאוה והתנשאות במה שיודע ומכיר בחסד ומתנת הבורא.

# אור החיים' – ספרו הקדוש על התורה

**פרק שני מסדרת מאמרים משובבי נפש שיבואו עלי גליון במדור זה להתלהט ולהתקדש בלימוד אור החיים הקדוש**

### ההקדמה

אלו הדברים האמורים בהקדמת רבנו, בזו הלשון: וקידמתי בתפילה מול מקור החכמה, ואליו פי קראתי, שלא אכשל בדבר שאינו רצוי לפניו. גם יחונני לבל אכשל במכשול גניבת דעת קטן וגדול.

וסייג עשיתי שמשכתי ידי מפתיחת ספרים, לא לקלותם כיוונתי חלילה וחלילה, כי כולם אענדם לראשי ואתעטר בהם, אלא לבל אכשל להתכסות בשמלתם.

ובפתחי בספר תורת ה' לא הייתי מקדים להתחכם מהראשונים לדעת הערותיהם וישוביהם, ואכניס טפח ואפרש פירוש ממוצע מביניהם, ולזה יקרא אחיו של נחש הקדמוני כי ערום יערים להתגדר. אלא תורת ה' כתובה לפני והיא **העירה אותי, והיא השיחתני, והיא האירה נפשי לאור באור הערבי**, והרגשתי בנפשי שראתה נסתרות, ותאכל ותשבע ותותר ממטעמי התורה, באור פני מלך חיים.

### דבריו כגחלי אש

משנתקיימו תנאים מפורשים אלו בעמלו של רבנו, היה פריו מקודש בגושפנקא דמלכא - מה תורת ה' נאמר בה "הלא כל דברי כאש נאום ה'", אף בספר הקדוש 'אור החיים' ראו צדיקים שאש בוערת בו.

בספר 'יגדיל תורה' מובא: כך הפליא והפליג בהתבטאותו הרה"ק רבי מנחם מנדל מקאצק זי"ע, שכאשר כתב רבנו את ביאורו לפסוק "בחודש השלישי" - "האט געשפריצט פייער פון די פענע" [= נתזה אש מן הקולמוס].

כן יסופר: בהיכלו של כ"ק האדמו"ר רבי יעקב יוסף מסקווירא זצוק"ל היו נאספים חסידים רבים בפרשת יתרו, ומאחר והיו מרבים בעליות - היתה העליה של 'שישי' מוקדמת לפסוקים אלו "בחודש השלישי". בלית ברירה, היו הגבאים מכבדים את הרבי בעליה זו, ולא בעשרת הדברות הכתובים בעליית 'שישי' המקורית.

פעם התנצל על כך הגבאי, הרה"ח רבי מאיר יודא סג"ל וואזנער ז"ל, אך הרבי ביטל דבריו ואמר: "ו'בחודש השלישי' כל כך גרוע?! ראה את ה'אור החיים' הקדוש על פסוקים אלו" --- (מרשימות הרה"ח רבי משה שפוטץ שיחי', בשם הרה"ח רבי משה וואזנער שיחי').

בשם הרה"ק רבי מרדכי מלעכוביץ זי"ע מובא, שאמר שאש הילכה על הדפים באותה עת. ועוד מצוטטת אמרה זו, בשם כ"ק האדמו"ר רבי מרדכי מסלונים זצוק"ל, בשם הרה"ק בעל ה'יסוד העבודה' מסלונים זי"ע, ומטו בה משמו של הרה"ק רבי משה מקאברין זי"ע.

וכבר הצביע הגה"ח רבי משה שלמה ווייס ('בטלן') זצ"ל על דברי **ה'אור החיים' הקדוש בפרשיות בראשית ויתרו, באומרו שהרה"ק מלעכוביץ והרה"ק מקאברין היו מורים לחסידיהם ללמוד פרשיות אלו בחודש אלול מפני שיש בהן 'אמונה צרופה'**. והוסיף, כי בסלונים למדו את ההקדמה ל'אור החיים' הקדוש ואת פרשיות בראשית ונח בימי הסליחות, ואף הוא נהג כן.

לפי מסורת אחרת - שנאמרה בשיחת כ"ק האדמו"ר מרחמסטריווקא-ארה"ב שליט"א - התבטאותו של הרה"ק מלעכוביץ נאמרה על לשון ה'אור החיים' הקדוש בפרשת בראשית על הפסוק (בראשית ב, א) "ויכולו השמים והארץ וכל צבאם". ועוד סח האדמו"ר מרחמסטריווקא-ארה"ב, בשם חותנו כ"ק האדמו"ר רבי יעקב יוסף מסקווירא זצוק"ל, שמדברי רבנו על פסוקים אלו ניכר שהיתה לו 'השגה בקבלת התורה'.

על כל הגרסאות, התבטא ואמר כ"ק האדמו"ר רבי שלום נח מסלונים זצוק"ל: "מה שברור, **שב'אור החיים' הקדוש יש אש**" ---

### רצון קדשו לחבר פירוש על כל התנ"ך

שאיפתו ומשאת נפשו הטהורה היתה לחבר פירוש מקיף על כל כ"ד ספרי הקודש, תורה נביאים וכתובים, כאשר הזכיר בסיום הקדמתו ל'חפץ ה'': "שיהיה ה' חפץ בנו ובעבודתינו וישלים מאויי להעלות במעלות הדפוס כל ספרי אשר חנני ה' על הכ"ד ועל הש"ע וכהנה וכהנה לעבודתו יתברך".

ושאיפה זו - המוזכרת בפתח ספרו המודפס ראשונה - לא עזבתו גם לאחר שהשלים והדפיס את החיבור 'אור החיים', כאשר ציטט ב'ראשון לציון' (יורה דעה סימן רמז, א) והזכיר את "חיבורי על הכ"ד" והוסיף: "ה' יזכני להשלימו ולהדפיסו".

ומכאן, שהגם שהתמסר רבנו להשלים ולהוציא לאור עולם את חיבורו שעל התורה, קיווה וייחל להמשיך לשקוד על חיבור שיקיף את כל כתבי הקודש. שרידים מחיבור זה נדפסו לאחר הסתלקותו, על ידי תלמידיו, שכינסום והוסיפום ל'ראשון לציון'.

### הספר 'אור החיים' הקדוש - מעט מזעיר

בדרשותיו אשר נשא, פעמיים ושלוש מדי יום ביומו [כלשון רבנו בהקדמתו ל'אור החיים': "כי מלאכת שמים על שכמי שמתי מימי חורפי ללמוד תורה לחפץ ללמוד... נוסף על מעמסת פיזור תורה בכל יום ב' דרשות ערב ובוקר לכל בני העיר, וכי יאריכו הימים דרשות שלשה בכל יום".

ואף בהסכמת חכמי מודונא ל'אור החיים' אנו מוצאים שרמזו לכך שיש בספר מתוכן הדרשות שדרש: "אורח חיים למעלה למשכיל דורש את א-להים, נאה דורש ונאה מקיים, נאים הדברים למי שאמרם, וראויים להעלותם על גבי מזבח הדפוס לזכות את הרבים, לעלות על שולחן מלכים, וליראות בהר ה', להתהלך לפני אלקים באו"ר החיי"ם".] שזר רבנו מאותם פירושים ודרשות שהתחדשו בעיונו, כפי שניתן להשוות ולראות שלא מעט חידושים ופירושים שכתב רבנו ב'אור החיים' מוזכרים גם בספר 'מאור החיים', שנכתב ונערך מדרשותיו על ידי רבי משה פראנקו ז"ל, איש אמונו של רבנו בליוורנו.

**לבקשת רבים האבן מיר בס"ד ארייגעבערענגט א נייע פרישקייט אינעם דרוקן און אינעם מפיץ צו זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזוויי די הוצאות דעגען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.**
**צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט:** 845-533-2998 **אדער שיקט אן אימעיל צו:** torahsohrhachaim@gmail.com
**וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב.**

# לערנען "אור החיים הקדוש" איז א סגולה אויף אריכות ימים

*[-המשך] **אין קורצן פון פאריגע וואך:** ר' מרדכי שרגא - אייניקל פון הוסיאטינער רבי - הערט פון א גאסט זיין שוידערליכע איבערלעבעניש, נאך וואס ער איז פלוצלינג שלאף געווארן, און ער האט זיך דערזען שטיין פארן בי"ד של מעלה וואו מ'האט דן געווען אויב מ'זאל אים לאזן בלייבן לעבן ווייל ער לערנט "אור החיים הקדוש"...*

גלייך ווי דער "אב בית דין" האט ארויסגעגעבן זיין פסק אז מ'דארף מיר לאזן בלייבן לעבן כדי איך זאל קענען ווייטער ממשיך זיין לערנען אור החיים הקדוש, זענען געקומען די צוויי געשטאלטן און מיר ארויסגעטראגן פון זאל.

ווידעראמאל האב איך געפילט ווי איך נעם זיך פליען דורך א טונקעלן טונעל - דאסמאל אינעם פארקערטן ריכטונג. געציילטע מינוטן דערויף האב איך זיך געטראפן ליגן ביי מיר אין בעט - באגאסן מיט קאלטע שווייס...

א שוידער האט מיר באנומען. הענט און פיס האבן מיר געטרייסלט פאר פחד פון די מחזה נורא וואס איך האב נארוואס בייגעוואוינט. א לענגערע שטיק צייט האט מיר געשווינדלט פאר די אויגן ביז איך בין ענדליך עטוואס צו זיך געקומען. דאן האב איך מיר אנגענומען א פעסטע קבלה ממשיך צו זיין ביתר שאת ועוז מיט'ן לימוד "אור החיים הקדוש" - וואס דאס האט מיר מזכה געווען בדין צו פארלענגערן מיינע יארן און מיר צוריק צו ברענגען לעלמא הדין.

ווען דער זון האט אויפגעשיינט און מיין ווייב און קינדער זענען אויפגעשטאנען, האב איך מיר שוין געפילט גענוג רואיג, און איך האב באשלאסן זיי נישט מיטצוטיילן וואס איך בין אריבער אין די לעצטע פאר שעה ווען זיי זענען זיס געשלאפן. איך האב געמאכט א שווייג פון די גאנצע מעשה, אנגייענדיג מיט'ן סדר היום ווי געהעריג.

צוויי וואכן זענען אריבער זינט דעם שוידערליכן געשעעניש, און היינט צופרי האב איך געדארפט זיין דא אין תל אביב וועגן מיינע געשעפטן. איך האב מיר אויפגעהאלטן אין שטאט אפאר שעה און ווען איך האב געענדיגט מסדר זיין מיינע ענינים בין איך ארויס אויפן גאס. גייענדיג אויף די לינקע זייט גאס וואס פירט פון רחוב בן יהודה צו רחוב אלנבי האט איך מיטאמאל געפילט ווי איך פארליר מיין אטעם און איך פאל שיעור נישט אום. איך האב נישט געגלייבט וואס איך זע פאר די אויגן...

קעגנאיבער מיר האב איך געזען גיין דריי אידן. איך האב גלייך באמערקט אז דער וואס גייט אינמיטן איז א דערהויבענער פערזענליכקייט, און די אנדערע צוויי זענען געוויס זיינע באגלייטער. איך האב מיר געריבן די אויגן נישט גלייבנדיג וואס איך זע: דער מיטלסטער דערמאנט די מורא'דיגע געשטאלט וואס איך האב געזען צוויי וואכן צוריק... יא! דאס איז ממש געגנוי די צורה פונעם "אב בית דין" וואס האט מיר מזכה געווען במשפט און באשטימט אז איך דארף נאך בלייבן לעבן - - -

קענסט דיך אליינס פארשטעלן ווי צושוידערט איך בין געווארן. איך האב מחליט געווען צו גיין אונטער זיי ביז איך וועל ערגעצוואו געוואויר ווערן ווער דער געהויבענער פערזאן איז. אינמיטן, ווען זיי האבן זיך אפגעשטעלט נעבן א תשמישי קדושה געשעפט, האב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט, און שטילערהייט געפרעגט איינעם פון די באגלייטער ווער דער צדיק איז? האט מיר יענער געזאגט אז דאס איז "דער הוסיאטינער רבי" אן אייניקל פון קדוש ישראל דער הייליגער רוזשינער זי"ע!

אין יענעם מאמענט זענען מיר אויפגעשווימען אין געדאנק די אלע וואונדערליכע מעשיות וואס איך האב געהערט אלס קינד אויף די הייליגע צדיקי בית רוזין, און די אלט-פארצייטישע מעשיות האבן זיך פלוצלינג געזען "לעבעדיג" קעגן מיינע אויגן. טרערן האבן גענומען פליסן פון מיינע אויגן, און איך האב באשלאסן זיי ווייטער נאכצוגיין ביז איך וועל אנקומען צום הויז וואו דער געהויבענער צדיק וואוינט.

אנקומענדיג לביתו נאוה קודש איז דער רבי אריין צו זיך אין שטוב, און איך האב מיר געטראפן אריינקומען דא אהער - אין בית המדרש אריין. איך האב געדאווענט דא מנחה מעריב, באמערקנדיג דערביי דעם פענסטער פונעם רבינ'ס צימער וואס איז אפן צום בית המדרש - דורך וועלכע ער האט מיטגעהאלטן די תפילות, און איך האב זיך געשטעלט קוקן אויף זיין לעכטיגע צורה מיט גרויס באגייסטערונג, ווען קיינער ארום ווייסט ניטאמאל ווי די געפילן רוישן אין מיר צו זען דעם איד וואס שטייט דא אונטן און "ראשו מגיע השמימה"! זיינע כוחות זענען ווייט פון אונזערע השגות, אבער איך האב שוין זוכה געווען צו זען ווי ווייט דאס דערגרייכט...

נאך מעריב האב איך געבעטן דעם גבאי ער זאל מיר אריינלאזן צום רבי'ן. אריינקומענדיג בקודש פנימה האט מיר דער רבי אנגעהויבן אויסצופרעגן וויאזוי איך הייס און וואס איך טו, איך האב מיר נישט געקענט איינהאלטן, און איך האב געגעבן א שריי אויס ווי נישט מיט מיין שטימע: "איך דארף דערציילן ווער איך בין?! דער רבי ווייסט נישט?! דער רבי האט מיר דאך גע'משפט צוויי וואכן צוריק?!..." און זאגנדיג דאס האב איך אויסגעשאסן אין א געוויין.

דער רבי איז געזיצן פארזינקען אין זיינע געדאנקען, און ווען איך בין ענדליך צו זיך געקומען פון די געוויין, האט מיר דער רבי אויסגעשטרעקט זיין האנט זאגנדיג: "נו, זאל דיר דער אויבערשטער געבן אריכות ימים ושנים טובים, ברכה והצלחה."

דערציילט רבי מרדכי שרגא, ווען ער האט געהערט די מורא'דיגע געשיכטע, איז ער גלייך אריין צו זיין זיידן - כ"ק אדמו"ר רבי יעקב מהוסיאטין זצ"ל - בעל "אהלי יעקב" - איידעם וממלא מקומו פון דער הוסיאטינער רבי, און אים איבערדערציילט געגנוי די גאנצע מעשה וואס ער האט נארוואס געהערט פון דעם אומבאקאנטן גאסט אין שול.

זיין זיידע איז שנעל אריין אין בית המדרש ווילנדיג טרעפן דעם איד, אבער יענער איז שוין נישט געווען דארט, געוויס איז ער שוין צוריק אהיימגעפארן קיין חיפה. האט אים דעמאלט זיין זיידע געזאגט אז ער זאל האלטן די גאנצע מעשה בסוד, כדי ס'זאל נישט שאטן פאר די אריכות ימים ושנים פונעם רבי'ן.

און טאקע נאר לאחר פטירתו פון הרה"ק מהוסיאטין זצוק"ל האט רבי מרדכי שרגא זיך ערלויבט מפרסם צו זיין די מעשה, כדי מ'זאל וויסן די גרויסקייט פון די צדיקי אמת, ווי אויך די ספעציעלע כח פון לערנען "אור החיים הקדוש" וואס האט די כח צוריק צו ברענגען א מענטש פון יענע וועלט!

## חיים שאל
### שאלות וחידות על תורת ותולדות רבינו

**שאלה:**

**מה הקשר בין יציאת מצרים לחלום הנביא לעבודה זרה?**

**חידה:**

**איזה משל שיש בו דבר חיזוק כתב רבינו בפרשה?**





**<u>וועכנטליכע הגרלה פאר די וואס שיקן ענטפערס</u>**

**אויף מדור "שאלת השבוע" - די נייע ספר "פרי תואר"**

**אויף מדור "חידות" - סט "כל הכתוב לחיים"**

**תשובות קען מען אריינשיקן**

**צום אימעיל פונעם מערכת**

**נישט שפעטער ווי זונטאג 10:00 צופרי**

**בהסכמה לספר "אור החיים" הק' כותבים רבני וינציה: "הטועם מיערת דבשו יאורו עיניו, כי כשמו כן הוא - אור החיים, ונהורא עמיה שריה לפום רבנן ותלמידהון. חיים הם למוצאיהם למוצאיהם בפה, לאור באור החיים נצחיים בארצות החיים".**